בסייעתא דשמיא

# יונגעֶרליך

2



בסד

ברוב שבח והודיה פרעזענטירן מיר פאר אייך

# י ו נ ג ע ר ל י ך   צ ו ו י י

טוב שם משמן טוב. ״יונגערליך״ איז שוין ב״ה ברייט באקאנט אלץ א פיאנער פון חסידישע און ריינע נגינה, וואס איז לכתחילה פראדוצירט געווארן פארן היימישן עולם, אבער האט גאר שנעל דערגרייכט צו אלע קרייזן, אין דער גאנצער אידישער וועלט! די אומצאליגע בריוון וואס מיר האבן ערהאלטן פון עלטערן און קינדער צו גלייך, ווי אויך מחנכים ומחנכות, זענען עדות אויף אונזער הייליגער ארבעט. מיר זענען שטאלץ מיט אונזער מיסיע, און גלייכצייטיג גיבן מיר א שבח והודיה צו השי״ת, מיט א תפילה אויף ווייטער שלא יצא מכשול מתחת ידינו.

כמעשהו בראשונה כך מעשיהו בשניה. דער דיסק וואס איר האלט אין אייערע הענט איז א תוצאה פון שווערע איבערמידליכע ארבעט דורך מחנכים וכלי קודש, אייך צו ברענגען ערליכע חסידישע נגינה. הונדערטער - און אפשר טויזענטער - שעה׳ן, בלי גוזמא, זענען אריין אין דעם סידי, זיכער צו מאכן אז יעדע קלייניגקייט און דעטאל איז אויסגעהאלטן.

״יונגערליך״ שטעלט זיך נישט דא אפ. מיר ארבעטן איצט אויף נאך פילע פראיקעטן, אלעס מיטן ציל אריינצוברענגען אין אונזערע קינדער א געשמאק אין אידישקייט, אמת׳ע און ריינע הנאה מאטריאל כדי אונזערע קינדער זאלן קענען שטייגן אויף אן ערליכן אופן.

אונזער וואונטש צו אייך: צו וואקסן און שטייגן בתורה ויראת שמים אויף א ערליכער אופן.

**מתוך הוקרה, הרב יהושע ראזען, הרב יוסף גליק, ר׳ נפתלי משה שניצלער**

1

# לעשות רצונך אלוקי חפצתי

(תהלים מ ט)

אט די ווערטער האט דוד המלך געשריבן און געבעטן
פארן רבונו של עולם, אין זיין הייליגן ספר תהלים. יארן
שפעטער, בעטן מיר צו דיר הייליגער באשעפער, העלף אונז,
מיר זאלן ווילן ווערן! מיר זאלן נאר ווילן טון דיין ווילן!
ווייל וואס דער אייבערשטער הייסט, נאר אזוי וויל איך טון.

**ווייל וואס דער אייבערשטער הייסט,**
**ווייל וואס דער אייבערשטער זאגט,**
**אזוי, נאר אזוי וויל איך טון.**

# ניגון לעשות רצונך
# במחנות הקיץ

מחנה קלויזענבורג · מחנה קראסנא · מחנה בני
בעלזא · מחנה שלוה באבוב · מחנה ערוגת הבושם
צעהלים · מחנה סקווירא · מחנה שמח - וויען · מחנה
אהל ברוך - קראסנא · מחנה ישמח לב - מבקשי השם ·
מחנה אמרי חיים - וויזניץ · מחנה יאדיר - יגדיל תורה
גור · מחנה אחוה - סקווירא · מחנה נחמד - באיאן

| | |
|---|---|
| **לחן** ר׳ הערשל וויינבערגער | **סולן** ר׳ נפתלי משה עם ר׳ זושא שניצלער |
| **עיבודים** ר׳ נפתלי משה שניצלער | **סולן ילד** מאיר שפירא \| משה ברוין \| זושא שניצלער |

2

# בצאת ישראל

תהלים קיד
א - מדרש

ווען מיר זינגען "מעוז צור" ביי די הייליגע חנוכה ליכט, דערמאנען מיר די דריי גלות'ן: גלות מצרים ("ובידו הגדולה הוציא את הסגולה, חיל פרעה וכל זרעו"), גלות יוון (אויף די גאולה "קבעו שיר ורננים"), און גלות בבל ("קיץ בבל זרובבל לקיץ שבעים נושעתי"). אזוי ווי דער אויבערשטער האט אונז דארט אויסגעלייזט, ווארטן מיר אויף די נייע גאולה, ווען ער וועט אונז אויסלייזן "איינס צוויי דריי, ארויס!"
אחכה לו בכל יום שיבוא

בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם
בֵּית יַעֲקֹב מֵעַם לֹעֵז:
פון גלות שוין באפרייט,
ארויס ארויס מען גייט,
בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל בְּצֵאת,
דו האסט אונז אויסגעלייזט
איינמאל, דו האסט אונז
אויסגעלייזט א צווייטע מאל, און
א דריטע מאל, דו וועסט אונז
אויסלייזן איינס צוויי דריי, מיר
גייען שוין אהיים אויף אלעמאל,
די אידן גייען שוין ארויס.

לחן: ר' הערשל וויינבערגער | עיבודים: ר' נפתלי משה עם ר' זושא שניצלער | סולו: הרב יוסף גליק | סולו ילד: דוד ווינד | מרדכי גיפס, יחזקאל זאב ראזען

3

# כל מקדש

מתוך זמירות לשב"ק

יעדע וואך קומט צו גיין דער חשוב'ער גאסט, דער שבת קודש - א מתנה נאר צו אונז, אידישע קינדערלעך. און ווי מער מיר היטן עס אפ, אלץ מער זענען מיר זוכה צו דעם געוואלדיגע אור פונעם שבת. עס איז דאך אזוי זיס און אזוי אנגענעם צו פארברענגען מיט די משפחה, איש על מחנהו ואיש על דגלו. נו זינגטס אלע מיט: "כל מקדש שביעי...."

כָּל מְקַדֵּשׁ שְׁבִיעִי כָּרָאוּי לוֹ
כָּל שׁוֹמֵר שַׁבָּת (קוֹדֶשׁ) כַּדָּת מֵחַלְּלוֹ
שְׂכָרוֹ הַרְבֵּה מְאֹד עַל פִּי פָעֳלוֹ
אוֹהֲבֵי ה' הַמְחַכִּים בְּבִנְיַן אֲרִיאֵל
בְּיוֹם הַשַּׁבָּת שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ כִּמְקַבְּלֵי מַתַּן נַחֲלִיאֵל:

| לחן | עיבודים | סולן | סולן ילד |
|---|---|---|---|
| ר' פנחס מרדכי וועבער | ר' משה לאופר | ר' אברהם העניג<br>הרב יהושע ראזען | משה ברוין \| מאיר שפירא<br>נפתלי צבי ראזענבערג |

# 4 ציצית

מתוך תפילת שחרית,
תהלים י״ט ט

מיר זאגן יעדן טאג די ברכה אויף די הייליגע ציצית. די ציצית וואס דער רבוש״ע האט אונז מצוה געווען אנצוטון, ״וראיתם אותו וזכרתם״. די ציצית זענען פאר אונז א שמירה עליונה צו געדענקען ווער מיר זענען, בני עליה, קינדער פונעם אויבערשטן! מיר זאלן קוקן דערויף און געדענקען אפצוהיטן די תרי״ג מצוות וואס זענען אנגעהאנגען אין די ציצית.
מצות ד׳ ברא מאירת עיניים.

........................................

שֶׁתְּהֵא חֲשׁוּבָה מִצְוַת צִיצִית לְפָנֶיךָ
מִצְוַת ה׳ בָּרָה מְאִירַת עֵינָיִם:
מיין ציצית איך נעם,
מצות ד׳, ברא מאירת עיניים
די ציצית איי ווי שיין, מיינע אויגן
מאך ריין, ברא מאירת עיניים

לחן ר׳ הערשל וויינבערגער | עיבודים ר׳ שלמה זלמן וועכטער | סולו ר׳ חיים מרדכי פייערווערקער | סולו ילד משה ברוין שמעון שניצלער

5

# ושם נעלה

מתוך מוסף לשלוש רגלים

די הייליגע שכינה ווארט אויף אונז... יעדן יו"ט בעטן מיר, אז מיר ווילן שוין ארויפגיין מיט משיח צדקינו מקבל צו זיין די שכינה, "דארט", וואו מיר וועלן מקריב זיין קרבנות און מיטלעבן לעכטיגע טעג, כימי קדם! אך ווי שיין ווען משיח וועט קומען צו גיין!

וְהָשֵׁב כֹּהֲנִים לַעֲבוֹדָתָם
וּלְוִיִּם לְשִׁירָם וּלְזִמְרָם.
וְהָשֵׁב יִשְׂרָאֵל לִנְוֵיהֶם.
וְשָׁם נַעֲלֶה וְנֵרָאֶה וְנִשְׁתַּחֲוֶה
לְפָנֶיךָ בְּשָׁלוֹשׁ פַּעֲמֵי רְגָלֵינוּ:

**לחן**
ר׳ יונה ליפשיץ

**עיבודים**
ר׳ משה לאופר

**סולן**
הרב יהושע ראזען

**סולן ילד**
מרדכי בינעט
ב.צ.ש

עס זאל קומען אויף אונז
השפעות און גוטס, גלייך
פון הימל. אין די הייליגע
תפילה, וואס מיר זאגן יעדן
יו"ט און ראש חודש, בעטן
מיר פיל בקשות וואו מיר
בעטן דעם רבוש"ע אונז
צו געדענקען צום גוטן,
און ברענגען די ישועה.
זכרונינו ופקדונינו.

יַעֲלֶה וְיָבֹא וְיַגִּיעַ וְיֵרָאֶה וְיֵרָצֶה
וְיִשָּׁמַע וְיִפָּקֵד וְיִזָּכֵר
זִכְרוֹנֵנוּ וּפִקְדוֹנֵנוּ וְזִכְרוֹן אֲבוֹתֵינוּ,
וְזִכְרוֹן מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד עַבְדֶּךָ:

תפילת יעלה ויבוא

**לחן**
ר' הערשל
וויינבערגער

**עיבודים**
ר' ראובן
באנעט

**סולן**
ר' יואל
פריינד

**סולן ילד**
דודי
לינקער

מרדכי בינעט

# אתקינו סעודתא

נאך א דערהויבענעם שבת, באגלייט מען די מלכה מיט א ספעציעלע סעודה, דאס איז דער סעודת דוד מלכא משיחא. ביי פילע צדיקים האט מען געזעהן ספעציעלע מנהגים און געהויבענע ענינים לכבוד מלוה מלכה. מיר וואשן זיך צו די סעודה און מיר באגלייטן דעם שבת קודש מיט א שמחה. אברהם יצחק ויעקב, אתין לסעדא בהדיה.

אַתְקִינוּ סְעוּדָתָא דִמְהֵימְנוּתָא שְׁלֵמָתָא חֶדְוָתָא
דְּמַלְכָּא קַדִּישָׁא. אַתְקִינוּ סְעוּדָתָא דְמַלְכָּא,
דָּא הִיא סְעוּדָתָא דְדָוִד מַלְכָּא מְשִׁיחָא,
אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב אַתְיָן לְסַעֲדָא בַּהֲדֵיהּ:
גיימיר זיך וואַשן פאר מלוה דְמלכּא, לִכבוֹד
דָוִד מַלְכָּא מְשִׁיחָא. דָּוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל חַי וְקַיָּם:
סִימָן טוֹב וּמַזָּל טוֹב יְהֵא לָנוּ וּלְכָל יִשְׂרָאֵל אָמֵן

| סולן ילד | עיבודים | לחן |
|---|---|---|
| יוסף גאלדמינצער<br>מרדכי בינעט | ר' שלמה ברוין | ר' יונה ליפשיץ |

8

# לא ימוש

יעדעס אידיש קינד וואונטשט זיך אז די הייליגע תורה זאל זיך נישט אפטון פון אים און פון זיינע דורות. דער געשמאקער גמרא ניגון באגלייט אונז שוין יארן לאנג, און מיר זאפן עס איין אין אונז, דורך יגיעה און הארעוואניע. והגית. אסאך מאל קומט עס אן אביסעלע שווער, אבער מיר לאזן זיך נישט פונעם יצר הרע, ווייל צום סוף, איז דער גמרא טעם אזוי זיס.

לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ
וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה:

יהושע א ח

| | |
|---|---|
| לחן ר' הערשל וויינבערגער | עיבודים ר' נפתלי משה עם ר' זושא שניצלער |
| סולן ר' חיים מרדכי פייערווערקער | סולן ילד מרדכי בינעט \| יוסף גאלדמינצער \| אליעזר זוסיא ווייס |

# אשריכם ישראל!

מתוך תפילה לשמחת תורה

וואויל איז פאר אונז, אידישע קינדער, וואס דער
אויבערשטער האט אונז אויסדערוועלט און אונז
געגעבן די זיסע און הייליגע תורה, וואס מיר
לערנען דא אויף דער וועלט, און מיר וועלן האבן
די זכיה צו לערנען די תורה לעתיד לבוא.
ותלמוד תורה כנגד כולם

אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בָּחַר בָּכֶם
ק-ל וְהִנְחִילְכֶם הַתּוֹרָה:
אַשְׁרֵיכֶם הַצַּדִּיקִים שֶׁלּוֹמְדִים אֶת
הַתּוֹרָה בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא אַשְׁרֶיךָ
בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְטוֹב לָךְ לָעוֹלָם הַבָּא

**לחן**
ר׳ משולם גרינבערגער

**עיבודים**
ר׳ זושא שניצלער

**סולן**
ר׳ משולם גרינבערגער

**סולן ילד**
יוסף גאלדמינצער

## 10 באלד

**באלד באלד, ער קומט שוין!**
ווארטן איעדן טאג אויף משיח צדקינו. אבער דאך, ווען קומט ער שוין? נאר א מאמע קען שפירן די ווייטאג פון איר שעפעלע, אבער אויך נאר די ליבשאפט פון א מאמע קען זאגן: ״קינד מיינס, יעצט איז גוט פאר דיר צו ליידן אביסל. א קליינע נידל, א שטעכעלע, דו דארפסט עס. אזוי וועט דיר זיין בעסער.״ און ווי א געטרייע מוטער וואס פארגעסט נישט פון אירע געליבטע קינדער, און לאזט זיי נישט ווייטאגן א טראפעלע מער ווי עס קומט, אזוי אויך קוקט דער רבוש״ע אראפ צו אונז און זאגט אונז, ״איך לאז ענק נישט פאלן! באלד באלד, אין די סעקונדע וואס עטץ זענטס גרייט, בין איך דא!״ ער איז שוין באלד דא!

פון אלע זייטן מען לויפט,
זיך מען באהאלט
אויף די גאס א מלחמה,
שווערע באמבעס פאלט
אליין איך ווארט, אויף מיין
מאמע מאמע ליב
געדארפט פארלאזן אונזער שטוב
פון די צרות וואס גייט פאר

אין באהעלטעניש, די ערד
איז קאלט און פראסט
אזויפיל אידן זייער היים איבערגעלאזט
שטיל איך פרעג, וואו איז
מיין מאמע ליב
איך וויל שוין אהיים אין שטוב
איך בענק מיך אזוי ביז גאר

כ׳בין הונגעריג און קאלט,
אויף די פיס שטעל איך זיך אויף
מיט אויגן נאס פון טרערן, קוק איך ארויף
אוי אוי מאמע, דו האסט מיר
צוגעזאגט אז באלד, טאקע באלד
נעמסטו מיר אהיים, ארויס
פון די פינסטערניש דא

אן עלטערער איד ער זאגט מיר,
דו דארפסט זיך נישט זארגן
זי וועט זיכער קומען דיר נעמען,
היינט אדער מארגן
ווייל ווען א מאמע זאגט אז באלד,
באלד, באלד טאקע באלד
וועט קומען דער מינוט, זי ווייסט וואס דיר
איז גוט, ס׳דארף קומען דער ריכטיגער שעה.

באלד באלד, זי קומט שוין באלד באלד,
זי איז שוין באלד באלד דא,
נאך שנעלער ווי דו מיינסט
באלד באלד, איך קום שוין באלד באלד,
איך בין שוין באלד באלד דא,
און מיר גלייבן אז נאך היינט

מער קיין ווייען, קיין געשרייען, ניין
פארווישט די טרערן, צרות הערן ניין
יא מ'ווייסט, אז ווי א מאמע מאמע ליב
בויסטו באלד אויף דיין שטוב
וואס וועט לייכטן און
שיינען מיט פראכט

אין גלות ביי אונז אזא קעלט
און אזא פראסט
אבער אונזער מאמע האט אונז
קיינמאל איבערגעלאזט
אהבתי, אתכם אהבתי,
ולא אעזוב את עמי
אפילו אין די טונקעלסטע נאכט

אונזערע זיידעס זענען
אריבער א וועלט מלחמה
און וואס איז געווען זייער
איינציגסטע נחמה
אז משיח, ער קומט שוין באלד,

באלד, באלד טאקע באלד
יעדע צער און פראבלעם ער פאררעכט

אוי כאטש מיר זענען באהאלטן
שוין טויזענטער יארן
אוי רבונו של עולם, וואס איז
מיט דיין הבטחה געווארן
דו האסט אונז צו געזאגט אז באלד,
באלד, באלד טאקע באלד
קינד מיינס איך בענק, איך קום שוין
צו ענק, יעצט געשעהט עס עכט

באלד באלד, איך קום שוין באלד באלד,
איך בין שוין באלד באלד דא,
נאך שנעלער ווי איר מיינט
באלד באלד, איך קום שוין באלד באלד,
איך בין שוין באלד באלד דא, און
מיר גלייבן אז נאך היינט

| |
|---|
| **לחן** ר' נפתלי משה שניצלער |
| **עיבודים** ר' נפתלי משה שניצלער |
| **מילים ורעיון** ר' הערשל וויינבערגער ור' וועלוועל שמעלצער |
| **סולן ילד** דוד לייפער |

## ADULT CHOIR

יוסף גליק
אברמי דערמער
משה הערצל
זאבי ווילִיגער
שמעון יואל זינגער
אברמי לונגער
ברוך אברהם לונגער

## ADULT SOLOS

הרב יהושע ראזען
הרב יוסף גליק
ר׳ נפתלי משה שניצלער
ר׳ זושא שניצלער
ר׳ אברהם העניג
ר׳ יואל פריינד
ר׳ חיים מרדכי
פייערווערקער
ר׳ יואל פריינד

## CHILD SOLOISTS

מאיר שפירא
אליעזר זוסיא ווייס
דוד לייפער
דוד ווינד
נפתלי צבי ראזענבערג
ב.צ.ש
מרדכי ארי׳ גיפס
יחזקאל וואלף ראזען
משה ברוין
יוסף גאלדמינצער
שמואל נוסבוים

## ישר כח פאר אלע הייליגע זיסע יונגערליך וואס האבען געזינגען אזוי הארציג און ווארים

ברוך אפפעל . יצחק שייעש .
מאיר שפירא . אליעזר זיסא ווייס . יצחק
יאבאלאנסקי . יודל גלויבער . יעקב קאהן . דוד
מאשקאוויטש . דוד לוי זינגער . דודי ווינד . דוד וויינבערג
. דוד לייפער . נפתלי צבי ראזענבערג . אלעזר טויבענפעלד
. ישראל טויבענפעלד . ישראלי פיקסלער . מרדכי גיפס . יחזקאל
וואלף ראזען . שלום באדאנסקי . אלימלך ריגער . בן ציון שלאמאוויטש
. אלחנן פאלגער . שלמה פאלגער . נחמן צבי מייזעלס . שלמה פישמאן
. שמואל נוסבוים . יצחק דייטש . מרדכי צימּמער . וואלווי
כ״ץ . יחזקאל כ״ץ . מאיר נתן געללער . אפרים לעווי .
יחזקאל שטענגעל . אברמי קרויס . ישראל בלוי .
אברמי בייגעל . שלמה בייגעל . אהרן בערענשטיין
. יצחק ראזנבלום . שלמי ברוין . שלמי שווארץ
. מושי קויפמאן . יוסי ברייער . הערשי פרידער
. נחום טוווערסקי משה דוד פאזנער . יעקב
גרשון ראזענפעלד . דוד פעדער . שמילי סיגל
. שמילי גאלדקלאנג . יחיאל אהרן איינהארן .
נחום שפיטצער . יצחק שווארץ . פנחס קויפמאן .
מיכל ניצלעך . מאטי גאלדמינצער . אנשי זילבערמאן
. חנינא ראזענבערג . דוד פריעדמאן . נחמן איינהארן . אברמי
ראזענבוים . דוד שפיטצער . ישראל אפטער . מאיר גליק . הערשי
ברוין . אברהם לאנגסאם . מענדי גרין . ברוך דוד פערלמאן . מאיר
ברילאווסקי . מיכל שווארץ . חנינא טווערסקי . אברמי גליק .
מענדי בייער . אברהם יושע העשיל ראזענבלום . יוסף
וואקסמאן . יחיאל מארקאוויטש . יושע בינעט .
יודי קליין . שלמה מרדכי וואסערמאן

**מחנך נפלא הרב צבי קאפל לעמעל**
וואס לייגט אריין אין די טייערע יונגערליך א ווארעמקייט צום באשעפער מיט זיין חינוך עקספערטיז

**מו"ה בן ציון שארף**
שארף׳ס judaica
פאר דיינע עצות והדרכה למען השלימות

**שלמה מאסבערג**
שלומים judaica

**הבה"ח חיים אהרן מינצערליס**
גרייט א יעדער מינוט צו העלפן און עקלערן

**פון יהושע**

**יישר כח! פאר אונזערע כסדר׳דיגע מיטארבעטער**

**The House of Music team**
יואלי פריינד
זושא, מיין חשוב׳ע ברודער
שלומי ברוין
שמילי ווירצבערגער

הערשי וויינבערגער
שלמה זלמן וועכטער
הרב יוסף משה כהנא עם צוות לחיים
יואלי האראוויץ - מקהלת שירה

שמעון יואל וועבער
וועלוול שמעלצער
אליהו יואל גליק
שלומי שטיינמעץ
נפתלי אונגאר
יוסי בלומענפעלד
צבי בלומענפעלד
וועלוול פעלדמאן
יוסי כץ
יצחק אדלער
חיים ראובן לאוב
די קבוצה
משה לאופר

משה כהן
פינחס ביכלער - מלכות
יואלי דאווידאוויץ
מיכאל וויינבערגער
משולם גרינבערגער
שרולי מאיר
חנני שניצלער
The Tribe
בני לאופער
אלי לאופער
חצקלה בובו-אורבך
חזקי שטיין

**פון נפתלי משה**

**THIS PROJECT WAS CREATED IN COLLABORATION WITH:**

Arye Volnitz . Avi Avidani . Avi Singolda . Avrum Balti . Ayel Shloach & Co
Bambi Zucker . Dani Flam . Dor Asraf . Eli Klein . Guy Dan . Moran Braun . Nachmen Dryer
Naftali Schnitzler . Nathan Birman . Peter Verteimer . Rafi Davidov . Rami Shuller
Ron Vered . Shachar Livni . Shloime Shpilman . Shloime Wechter . Shloime Brown
Steve Jobs & Co . Yaniv Balas . Yaron Guttfried . Zlsha Schnitzler

טייערע קינדער,

מיר האפן אז דו האסט הנאה פון דעם סידי, און מיר זענען זיכער אז דו האסט אויך א טאלאנט מיט וואס דו שטאלצירסט און מיט וואס דו ווילסט שטייגן. מיר ווילן הערן פון דיר! שיק אונז א בריוו, וואו דו שרייבסט אונז מער וועגן די טאלאנט וואס דו האסט, און אויך סיי וואספארא שאלות דו האסט, און מיר וועלן זען וויאזוי מיר קענען דיר העלפן מיט דיין טאלאנט.

ווי אויך, שרייב אונז וועלכע ניגון דו האסט די מערסטע ליב, און פארוואס.

מיר וועלן אי"ה ליינען יעדע איינציגע בריוו, און פארעפנטליכן די רעזולטאטן אי"ה פון וועלכע ניגונים איר האט די מערסטע ליב.

שיק דיין בריוו צו

Yingerlich
1274 49th Street #373 Brooklyn NY 11219














ברוכים
הבאים
יונגערליך

זיך איינצושרייבן אדער צו באשטעלן די יונגערליך **347.927.6645**

פאר יונגערליך משפחה **917.757.2705**

פאר יונגערליך געאייגנט פאר דיין חדר/ישיבה **347.489.8332**